Charter Revision Commission

**באַשלוס נמר. 2**

**באַשלוס פֿון דער קאָמיסיע פֿאַר רעוויזיע פֿון טשאַרטערס צו באַשטימען אַ סדר איבערצונעמען דעם פֿאָרזיצערס אַמט**

אַזוי ווי דעם 12טן דעצעמבער 2024 האָט דער מייאָר פֿון דער שטאָט ניו יאָרק אויפֿגעשטעלט די קאָמיסיע פֿאַר רעוויזיע פֿון טשאַרטערס אויפֿן סמך פֿון אָפּטייל 36(4) פֿון געזעץ פֿון אויטאָנאָמיע (Home Rule Law) פֿון דער שטאָט ניו יאָרק; און

אַזוי ווי דער מייאָר פֿון דער שטאָט ניו יאָרק האָט באַשטימט ריטשאַרד אַר. בוערי, זשוניאָר, אויף צו דינען אַלס פֿאָרזיצער פֿון דער קאָמיסיע, שרון גרינבערגער אַלס וויצעפֿאָרזיצערין פֿון דער קאָמיסיע, און לעילאַ באָזאָרג אַלס סעקרעטאַרין פֿון דער קאָמיסיע.

אַזוי ווי דער ציל פֿון דעם באַשלוס איז פֿאַרזיכערן די קאָנטינויִטעט פֿון דער אַרבעט פֿון דער קאָמיסיע פֿאַר רעוויזיע פֿון טשאַרטערס ווען דער פֿאָרזיצער איז נישטאָ; און

עס ווערט דעריבער באַשלאָסן אַז די קאָמיסיע באַשטימט דערמיט די וויצעפֿאָרזיצערין שרון גרינבערגער זי זאָל טוען אַנשטאָט דעם פֿאָרזיצער אויב ער קען ניט אויספֿירן זײַנע אַמטס פֿליכטן;

און עס ווערט אויך באַשלאָסן אַז אויב דער פֿאָרזיצער קען ניט אויספֿירן זײַנע אַמטס פֿליכטן, וועט די וויצעפֿאָרזיצערין שרון גרינבערגער נעמען אויף זיך אַלע פֿליכטן און פֿאַראַנטוואָרטליכקייַטן פֿון דעם פֿאָרזיצער ביז דער מייאָר וועט באַשטימען אַ נײַעם פֿאָרזיצער בהסכם מיט דעם אָפּטייל 36 פֿון געזעץ פֿון אויטאָנאָמיע אָדער מיט דעם סוף פֿון דער קאַדענץ פֿון דער קאָמיסיע פֿאַר רעוויזיע פֿון טשאַרטערס.

דאַטע: 7טן יאַנואַר 2025